חוברת לז

ספרי' — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**
**מרת חנה ע"ה ז"ל**

**אשת כ"ק הרה"ג והרה"ח המקובל**
## מוהר"ר ר' לוי יצחק
**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

**הוריו של כבוד קדושת**
## אדמו"ר מנחם מענדל
**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•


יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ל"ז של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

חג הגאולה י"ב־י"ג תמוז, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

RESHIMAS ZICHRONOS
KESUVIM BIDEI HARABANIS HATZIDKANIS
MARAS CHANA

INSTALLMENT 37

Published and Copyrighted © 2012
by

KEHOT PUBLICATION SOCIETY
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

# וואָס טוט זיך מיט מיין זון בערל [הי״ד]

## ג׳ כסלו תשט״ו

איצט איז ביי מיר אַ טאָג וואָס איך מוז זיך מיט עמעצן־ניט־איז טיילן, און דאָס ליידער האָב איך ניט.

איך קען דאָס טאָן נאָר מיט דעם זון שליט״א, אָבער איך קען מיט אים וועגן דעם ניט רעדן. איך גלייב אַז ער געדיינקט אויף דעם טאָג.

ג׳ כסלו איז דער יום הולדת פון מיין מיטעלן זון[540]. אין דעם יאָר 1941 האָב איך געהאַט אַ ידיעה וועגן אים, אָבער פון דעמאָלט אָן ווייס איך גאָרניט. דעמאָלט איז ער געווען אין יעקאַטערינאָסלאַוו, דניפּראָפּעטראָווסק — איצט.

עס ווילט זיך שטאַרק עפּעס שרייבן, אפשר עפּעס דערוויסן, נאָר איך ווייס ניט צו זאָל איך דאָס טאָן? אפשר וועט מען מיט דער צייט געפינען וועגן דעם ווי אַזוי דאָס דערגיין.

גאָרניט דערמאָנען דאָס האָב איך ניט געקאָנט אָבער איך פיל אַז מאריך זיין דאַרף איך ניט צוליב דעם געזונט. זאָל זיין ישועות אויף ישראל און מען זאָל פון קיין שלעכטס ניט וויסן.

ג׳ כסלו דעם יאָר האָב איך דאָס איבערגעלעבט אַ סך שווערער, איך ווייס ניט וואָס איז די סבה, צו אויף דער געזונט איז שוואַכער צו וויל עס הערן זיך ידיעות אַז מען לאָזט אַרויס אייניקע פאַמיליעס. עס ווילט זיך וויסן פיליט לעבט ער ערגעץ וואו, און אויב ניט — איז ווען און ווי אַזוי...

איך ווייס דעם אַדרעס וואו ער איז געווען. עס איז געווען די מיידל פון שטוב רחל[541], זי איז אים געווען געטריי ווי אַ שוועסטער. און נאָך

---

540) הוו״ח אי״א נו״מ ובעל מדות דובער הי״ד. נולד ג׳ כסלו תרס״ה בעיר ניקולייעב. בשנות השואה נרצח בעת שהותו בעיירה איגרען ע״י שלטון הנאצי בסמיכות ליעקאטרינוסלאוו.

541) נזכרה לעיל ע׳ 000.

גוטע פריינט האָבן מיר געזאָגט אַז זיי וועלן אויף אים אַכטונג געבן. איך האָב געמוזט אַוועק פאָרן צו מיין מאַן ז״ל און האָב פון קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט טראַכטן, נאָר זוכן מיטלען צו מציל זיין אים, דעם מאַן.

* * *

## איך זאָל וואָס גיכער אַוועק פון שטוב

אין 1941 אַז איך בין געווען אין מאָסקווא, איז אין אַ שטוב ביי אונזער אַ באַקאָנטן פון יעקאַטערינאָסלאַוו, וויטקין[542], וועלכער האָט מיר איינגעלאַדן צו זיך. עס איז געווען בעת־מעשה זיין אַ באַקאָנטער און האָט אים דערציילט, אין מיין אָנוועזנהייט אַז זעליק גאַרעליקס[543] פרוי מעק, האָט אים געבעטן אפשר קען ער אויס געפינען וואו איז די יעקאַטערינאָסלאַווער רביצין — איך האָב ביי איר געלאָזט ניט קיין גרויסע סומע געלט און נאָך אייניקע זאַכן פאַר מיין פארלאָזן יעקאַטערינאָסלאַוו.

ווען ער האָט דאָס דערציילט האָט מען זיך דערשראָקן, און מען האָט שוין געוואָלט איך זאָל וואָס גיכער אַוועק פון שטוב, און מען האָט אים שוין אָנגעהויבן חושד זיין אפשר מיינט ער עפּעס מיט דעם. די אייגענע פרוי מעק, האָט מיר צוגעזאָגט זי וועט פון צייט צו צייט אים, בערלן, באַזוכן. אָבער מען האָט בשו״א גאָרניט געקאָנט רעדן וועגן דעם. ווייל מען האָט דעמאָלט געטראַכט וואָס מיט מיר צוטאָן.

נו גענוג. מיר וועלן האָפן אַז ג׳ וועט ווייזן דעם ריכטיגן וועג.

* * *

## עפּעס דרוקן פון זיינע כתבים

### יום ה׳ כ״ו טבת [תשט״ו]

איך בין ניט קיין שרייברין, און מי אני ומה אני. נאָר אַזוי ווי איך בין שטענדיק כמעט אַליין, און יעדער מענטש איז דאָך אַן עולם קטן[544],

(542

(543

(544 תנחומא פקודי ג. תקוני זהר תיקון סט (ק, ב. קא, א).

ביי זיך מיט וועמען טיילן זיך האָב איך ניט. דער איינער איז דער זון זאָל מאריך ימים זיין ברב טוב והצלחה.

כ״ח דעם חודש ווערט מיר פינף־און־זיבעציק יאָר דאָס איז אַ צאָל וואָס האָט שוין אַ געוויסע באַציאונג צו זיך בכלל, ובפרט וואָס איך בין דורכגעגאַנגען פאַר די לעצטע יאָרן.

מיין מאַן ז״ל איז זיין לעבן געווען אַ טראַגעדיע, און דאָס אייגענע איז נאָך דעם ווי ער האָט דעם עולם פאַרלאָזט.

עס וואָלט זיך געוואָלט עפּעס זאָל זיין אַ זכר פון אים, מיר ווייזט זיך אויס אַז מען וואָלט עפּעס געקאָנט דרוקן פון זיינע, און אפשר ניט? מסתמא איז דאָ טעמים.

* * *

# ב׳ ניסן אין טשילי

## ב׳ ניסן [תשט״ו].

שוין דער עלפטער יאָר וואָס איך בין אַליין, און איך בין איצט אין דעם טאָג אין „טשילי״[545] 42׳סטן יאָר.

„זכרונות״ שטאַרבן ניט, בפרט אַזעלכע וויל איך גאָרניט פאַרגעסן.

אַלזאָ[546]: מיר זיינען געזעצן אין צווייען, ביי אַ טישל צונויף געשלאָגן פון ברעטלעך, לעבן אַ פענצטער וואָס ווען מען האָט נאָר געקאָנט צוליב דער ליכטיקייט. האָב איך אים פאַרהוינגען, כדי ער, מיין מאַן ז״ל, זאָל ניט זען די „חזירים״ וואָס זיינען אַרום געגאַנגען שטענדיק דערביי, און דאָס האָט אים זייער גענערווירט.

וואו נעמט מען ווערטער אויף איבערגעבן וואָס ער האָט די נאַכט איבערגעלעבט.

ער האָט מיר נאָר געזאָגט: היינט איז דאָך ב׳ ניסן, אַך דער רבי.

545) כ״ק רלוי״צ הגיע לציאלי בי״ט שבט ת״ש והרבנית חנה הגיעה לשם סוף חודש אדר שני ת״ש — עד כ״ז ניסן תש״ד.

546) בהבא לקמן ראה גם לעיל ע׳ 000.

און האָט זיך אַוועק טראַכטן אויף אַ שעה אָדער אפשר מער צייט. דעמאָלט איז נאָך ביי אונז ניט געווען קיין טינט און פען מיט וואָס שרייבן[104]. מיט מיין פאַרשטאַנד האָב איך געזען אַז עס רייסט זיך עפּעס, גרויסקייט און טיפקייט, אויף אַרויסצוגעבן, נאָר עס איז ניטאָ פאַר וועמען. ער האָט אַבסאָליוט ניט רעאַגירט אויף די ד׳ אמות וואָס ער געפינט זיך, ווי ביטער דאָס איז ניט געווען.

איך האָב צו אים גאָרניט געקאָנט רעדן, ביז ער אַליין האָט ניט געמאַכט עפּעס אַן אָנשטריינגונג אויף זיך, און אַרויס פון דעם עולם וואָס ער איז געווען. וואָרום לעבן האָט ער געדאַרפט גאָר אין אַנדערע באַדינגונגען. וועגן וואָס איך וויל ניט רעדן איצט. דעם 44־טן יאָר האָט ער שוין געהאַט מיט וועמען זיך טיילן, אָבער ניט מער...

ג״ג[538] אריכות ימים מיט הצלחה זיינע קינדער. איך זאָל קענען לעבן ווי איך דאַרף לעבן, און עס זאָל ניט זיין קיין שוועריקייטן מיט ס.ר.[547]

## [אחרי חג הפסח תשט״ו].

שוין נאָך פסח, דאַנקען ג־ט. ניט גרינג מאַך איך דורך די ימים־טובים מיט־צו־מאַכן. וויפיל איך שטאַרק זיך אָבער עס גייט זיך מיר ניט איין פאַרגעסן וואָס איז געווען, און זיך פילן גוט אַזוי ווי איך בין איצט אַוועק געשטעלט געוואָרן. געוויינליך לעב איך איבער.

מיט מאַטערעאַל — אין דעם בין איך באַזאָרגט דאַנקען ג־ט. איך פאַרשטיי אַז עס איז ניט קיין קליינקייט, אָבער אויף דער עלטער ווערט דאָס וואָס אַ מאָל שווערער. מיר וועלן האָפן, אַז עס וועט זיין רעכט.

פון דעם זון, דאַנקען ג־ט, האָב איך אַ סך נחת. גאָט זאָל אים שטאַרקן און געבן הצלחה.

## מוש״ק ר״ח סיון [תשט״ו].

עפּעס אַ גאַנצע נאַכט טראַכט זיך וועגן דעם, און עס גלוסט שרייבן אַביסל.

נאָך שבועות ווערט פינף־און־פופציק יאָר נאָך אונזער חתונה[522]. עס

547) סאָווייעצקי רוסלאַנד [=רוסי׳ הסובייטית].

דערמאָנט זיך יענע צייט און ווי עס איז דורכגעגאַנגען. מער ווי אַ חודש האָט זיך געפילט אַ חתונה שטימונג ביי דער גאַנצער משפחה און גוטע פריינט. מיין מאַנס ז״ל אַ פעטער איז...[548]

* * *

548) כ״ה בכת״י, ולא המשיכה לרשום באותו יום.

**ג׳ כסלו תשט״ו**

## על גורלו של דובער הי״ד

יום זה הוא עבורי יום שאני חשה הכרח לחלוק עם מישהו, ולמרבה הצער — אין לי עם מי. אני יכולה לעשות זאת רק עם בני שליט״א, אבל אינני יכולה לדבר עמו על כך. אני סבורה שגם הוא זוכר את היום.

ג׳ כסלו הוא יום־הולדתו של בני האמצעי[305]. בשנת 1941 הגיעה אלי ידיעה ממנו, אבל על הנעשה עמו מאז ואילך אינני יודעת דבר. באותה עת שהה ביקטרינוסלב (עכשיו דנייפרופטרובסק).

עז רצוני לכתוב משהו בעניין זה, בתקווה שייוודע לי משהו, אבל אינני יודעת אם כדאי שאעשה זאת. אולי עם הזמן תימצא הדרך להשיג את המידע.

לא להזכיר זאת כלל — לא יכולתי, אבל אני חשה שאל לי להאריך בכך, בשל מצב בריאותי. יהי רצון שיבואו ישועות על ישראל, ושלא נדע דבר רע.

בשנה זו עבר עלי יום ג׳ כסלו בצורה קשה בהרבה מהרגיל. אינני יודעת מה הסיבה לכך, אם משום שבריאותי חלושה יותר או משום שנשמעות ידיעות כי השלטונות מאשרים את יציאתן של מספר משפחות מרוסיה. מתעורר הרצון לדעת שמא חי הוא אי־שם, ואם לא — מתי ואיך...

יודעת אני את כתובת המקום שבו שהה. בת־ביתנו רחל[306] היתה מסורה לו כאחות, וידידים טובים נוספים אמרו לי שישגיחו עליו[307]. אני עצמי הוכרחתי לנסוע אל בעלי ז״ל, ולא היה ביכולתי לחשוב על שום דבר אחר, מלבד על חיפוש אמצעים להציל אותו, את בעלי.

---

305) הוו״ח אי״א נו״מ ובעל מדות דובער הי״ד. נולד ג׳ כסלו תרס״ה בעיר ניקולייב. נרצח ע״י הנאצים בעיירה איגרן הסמוכה ליקטרינוסלב.

306) נזכרה לעיל ע׳ 000.

307) דובער הי״ד היה משותק בשל מחלה, ונזקק לטיפול מיוחד.

בשנת 1941, כשהייתי במוסקבה, בביתו של אחד ממכרינו מיקטרינוסלב, וויטקין שמו[308], שהזמין אותי אליו — נכח בשעת מעשה אחד ממכריו, וסיפר לו בנוכחותי שמעק, אשתו של זעליג גרליק[309], ביקשה ממנו אם יוכל לברר היכן נמצאת הרבנית מיקטרינוסלב (השארתי אצלה סכום־כסף לא גדול ודברים נוספים לפני עזיבתי את יקטרינוסלב).

כשסיפר זאת — נבהלו הנוכחים, וכבר רצו שאצא מהבית מהר ככל האפשר. הם החלו לחשוד באותו אדם שסיפר זאת שמא יש לו כוונה בלתי־רצויה בכך[310].

אותה אשה — מעק — הבטיחה לי שמפעם לפעם תבוא לבקר אותו, את בערל. אבל בשום אופן לא ניתן היה לשוחח על כך, משום שבאותה עת הכל היו טרודים במחשבה מה לעשות בקשר אלי.

נו, כתבתי די. הבה נקווה שה׳ יורנו את הדרך הנכונה.

* * *

**יום ה׳ כ״ו טבת [תשט״ו]**

## שבעים וחמש שנים

אינני סופרת, ומי אני ומה אני. אני כותבת בכל זאת, משום שכמעט תמיד הנני לבדי, והרי כל אדם הוא ״עולם קטן״[311], ועם מי לחלוק את חוויותיי — אין לי. היחיד הוא בני, יאריך ימים ברוב טוב והצלחה.

ביום כ״ח בחודש זה ימלאו לי שבעים וחמש שנים. זהו כבר מספר שיש לו משמעות מסויימת ביחס אלי בכלל, ובפרט לאחר מה שעבר עלי בשנים האחרונות.

בעלי ז״ל — חייו היו טרגדיה, וכך גם לאחר עזיבתו את העולם. חפצה הייתי שיהיה זכר כלשהו ממנו. לי נראה שניתן היה להדפיס משהו מכתביו, אך אולי לא? מסתמא ישנם טעמים לכך.

* * *

308)

309)

310) כלומר: בני־הבית, שככל הנראה לא ידעו על קשריה של הרבנית עם אותה אשה, חששו שהשלטונות הם המחפשים אחרי הרבנית, ואותו אדם הוא מלשין מטעמם.

311) תנחומא פקודי ג. תקוני זהר תיקון סט (ק, ב. קא, א).

**ב׳ ניסן [תשט״ו].**

## ב׳ ניסן בציאילי

זוהי כבר השנה האחת־עשרה שאני חיה לבדי, ועכשיו רואה אני את עצמי בציאילי, ביום זה בשנת 1942.

"זכרונות" אינם מתים, וזכרונות כאלה בפרט כלל אינני רוצה לשכוח.

ובכן[312]: ישבנו בשניים, ליד שולחן שהורכב מקרשים, ליד חלון, שאותו הייתי מכסה כל אימת שיכולתי לעשות זאת מבלי להסתיר את האור, כדי שהוא — בעלי ז"ל — לא יראה את החזירים שהתהלכו תמיד מסביב לבית, דבר שהפריע מאוד למנוחת־הנפש שלו.

היכן מוצאים מלים כדי לתאר מה שעבר עליו באותו לילה!

הוא אמר לי רק: "הרי היום הוא ב׳ ניסן. אח, הרבי!" — ושקע במחשבות למשך שעה או יותר. באותה עת עדיין לא היה ברשותנו דיו ועט כדי לכתוב בהם[52]. בעיני רוחי ראיתי כיצד הוא משתוקק בכל כוחו להביע דבר־מה, עניין שכולו גדלות ועמקות, אבל אין לו בפני מי לומר זאת.

הוא לא הגיב כלל לכל הנעשה באותן ד׳ אמות שבהן הוא נמצא, מר ככל שהיה המצב. לא יכולתי כלל לדבר אליו, עד שהוא בכוחות עצמו, במעשה של התאמצות עצמית, יצא מהעולם שבו היה נתון.

היה מן הראוי שהוא יחיה בתנאים אחרים לחלוטין, אבל על כך לא אדבר עתה.

בשנת 1944 כבר היה לו עם מי לחלוק את מחשבותיו, אך לא מעבר לכך...

יתן השי"ת אריכות ימים והצלחה לבניו, ושאני אוכל לחיות כפי שאני צריכה לחיות, ושלא יהיו קשיים בקשר לרוסיה הסובייטית.

**[אחרי חג הפסח תשט״ו].**

כבר עבר הפסח, תודה לא־ל. לא בקלות עוברים עלי ימי החגים על חוויותיהם. ככל שאני מנסה להתחזק — אינני מצליחה לשכוח את

312) בהבא לקמן — ראה גם לעיל ע׳ 000.

אשר היה, ולהרגיש טוב במצב שבו הועמדתי עכשיו. כרגיל, אני חווה הכל מחדש.

מבחינת צרכי החומריים — הכל מסופק לי, תודה לא־ל. אני מבינה שאין זה דבר קל־ערך, אבל בגיל מבוגר הדבר נעשה קשה יותר ויותר עם הזמן. נקווה שהכל יהיה כדבעי.

מבני, תודה לא־ל, אני רווה רוב נחת. יחזקהו השי״ת ויתן לו הצלחה.

**מוש״ק ר״ח סיון [תשט״ו].**

משום־מה אני מהרהרת בכך כל הלילה, ואני חפצה לכתוב מעט.

אחרי שבועות ימלאו חמישים וחמש שנה לחתונתנו[289]. אני נזכרת באותם ימים ובמהלך החתונה. למעלה מחודש הורגשה אוירת חתונה בקרב כל בני המשפחה וידידינו הטובים. דודו של אבי ז״ל...[313]

* * *

313) כאן נפסקת הרשימה מיום זה.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב